בית דין צדק
**שער המשפט**
בהשתתפות הרבנים
מאנסי ניו יארק

בס"ד

דיני תורה בחנם ובהעניק לבעלי דין זכותם
לדין גמור - ולקבלת מהיכן דנתני בכתב

לשכת בית דין: TEL. (800) 713 8956

RABBINICAL COURT
**SHAR HAMISHPOT**
17 MOSIER COURT
MONSEY N. Y. 10952

סניף **"שמרו משפט"** ❀ בי"ד מיוחד לפקוח על: הזמנות, עיקולים, סירובים, היתרי ערכאות, פסקי דין, וגיטין ❀ ומגן לבעל"ד שלא יקופחו מזכותם: לבחירת הבי"ד, ולדין גמור, ולמה"כ דנתני, ולמאן בבוררות, ובטוענים

# התראת בי"ד צו פרידא פעקעטע אז זי זאל נישט פסל'נען איר גט

**אזוי** ווי איר האט לעצטענס נישט געשיקט דאס קינד צום טאטן מו"ה יואל מארקאוויטש נ"י לויטן אפמאך, ווילן מיר אייך דערמאנען וואס מיר האבן אייך געשריבן אינעם בריוו (ה' במדבר כ"ס א' אייר תש"ע), אז דאס וועט נישט העלפן אים צו צווינגען צו ווערן א תובע, [נישט נאר ווייל דאס איז א חוב ברור, וואס לויטן פס"ד פון הגה"צ מדעברעצין זצ"ל מעג מען דאס פארסירן אין קארט, אזוויו ער שרייבט אינעם בריוו וואס איז אין **פנקס בי"ד** (מסמך 1047)], נאר אויך:

**ווייל** דער גט וואס איר האט באקומען פון אים ביום ה' פרשת אמור ט"ו אייר תש"ע, איז געווען מיטן אויסשליסליכן באדונג: אז ער קען פארסירן דעם "הסכם גירושין" ["דיווארס עגרימענט"], וואס איר האט אינטערגעשריבן פארן שופטת ביום הנ"ל, און איר [אדער סיי ווער אין אייער נאמען] טארן נישט נעמען קיין שום שריט דערקעגן אין "קארט". [אויב האט איר א טענה דערקעגן, קענט איר דאס נאר טוהן דורך א תביעה בבי"ד באופן ווי ס'איז ווייטער ערקלערט].

**מיר** האבן דארטן אינטערגעשטראכן, אז ס'ליגט אויף אונז א גרויסע אחריות דאס אייך מודיע צו זיין, כדי אז איר זאלט באגרייפן די ערענסטע קאנסעקווענצן פון יעדן מינדעסטע שריט אין קארט, אפילו נאר אלס "פארטיידיגונג", און איר זאלט געווארענט זיין נישט געשטרויכעלט צו ווערן דערמיט צו פסל'נען ח"ו דעם גט.

**אלעם** האט זיך ב"ה געפירט ביז יעצט מער וויניגער אין ארדענונג, דאס קינד איז זייער נאענט געווען צו איר טאטן, זי האט זיך זייער געפרייט זיך צו טרעפן מיט אים און גיין צו אים, אבער אזוויו איר האט לײדער אנגעהויבן ביום עש"ק פרשת משפטים תשע"א, צו ברעכן די וויזיטעישן רעכטן פארן טאטן פונעם קינד [מיטן טענה אז פלוצלינג וויל זי מער נישט גיין צו אים...], ווילן מיר אייך קלאר איבערטייטשן דעם 3'טן און 4'טן סעיף פונעם "מסירת מודעא" אויפן גט:

**דריטער סעיף:** יעדע שריט אין קארט אפילו נאר מיט ווערטער, וואס וועלן געזאגט ווערן דארטן, סיי פון איר און סיי פון אירע מענטשן, וואס ס'קען גורם זיין אפילו נאר פון אינטערוויילעכץ [למשל: אלס "נתבעת"], צו פארמינערן מיינע רעכטן צו וויזיטעישע'ס, אנדערש ווי ס'שטימט אונעם הסכם גירושין, וועט דאס אינגאנצן מבטל זיין דעם כשרות הגט, ס'וועט פסול ווערן למפרע. [וואס דאס מיינט זייער קלאר, אז די מינדעסטע שריט וואס איר נעמט אין קארט אפילו אלס "פארטיידיגונג" פסל'ט דעם גט, בקיצור: איר קענט אים בשו"א נישט פייגן דורכ'ן "קארט סיסטעם"].

**פערטער סעיף:** אויב זי האט עפעס א טענה אקעגן דעם הסכם, קען זי מיך רופן אויב זי וויל, צו בי"ד "שער המשפט" אדער צו יעדע בי"ד וועלכע וועלן אננעמען די "שט"ב" וואס איז אויף זייער "פנקס בי"ד" (מסמך 1013). [ד.ה. נאר מיט זיינע זכותים שע"פ תורה: צו "דין גמור" מיט זכות "קים לי", און מיט "מהיכן דנתני"].

**מיר** ווארענען אייך, אז אויב איר וועט זיך לאזן פארפורן פון די העצער'ס פונעם "סיסטעם" וואס מיינען בכלל נישט אייער טובה... נאר זיי ווילן פסל'נען דעם גט, ווייל ס'בענקט זיך זיי דער פאלשער ווי געשריי "עגונה" עגונה", און זיי ווילן אז דאס זאל זיך נאכאמאל איבער'חזר'ן... וועט קיינער נישט שולדיג זיין אויף די פסלנות הגט, וואס וועט ח"ו געשעהן דורך די מינדעסטן שריט וואס איר וועט נעמען אין קארט [אפילו נאר זיך צו פארטיידיגן], **נאר איר אליינס!**

**איר** וועט סייווי אין ערגעץ נישט אנקומען, ווייל ס'איז נישטא דער כח, וואס קען אדער מעג ע"פ תורה, צוריקהאלטן דעם מאן פון ניצן זיין רעכט וואס ער האט ע"פ תורה, צו באשיצן זיינע רעכטן דורכן גט, אדרבה יעדע מינדעסטע דרוק אויף אים אז ער זאל דאס נישט טוהן, פסל'ט דעם גט, [וכמבואר בספרינו משפט הכפיה (סי' א') מדברי הפוסקים], השי"ת זאל העלפן אז איר זאלט שוין אויפגעראכטן ווערן מיט א גוטן שידוך און אסאך יודיש נחת, א"ס.

בשם שאר חברי הביד"צ סניף "שמרו משפט", יום א' תרומה, כ"ה שבט תשע"א

אברהם שמואל יהודה געשטעטנער
אברהם שמואל יהודה געשטעטנער

בית דין צדק
שער המשפט
מאנסי, נ.י.
בהשתתפות הרבנים

בס"ד

בית דין צדק
**שער המשפט**
בהשתתפות הרבנים
מאנסי ניו יארק

דיני תורה בחנם ובהעניק לבעלי דין זכותם
לדין גמור - ולקבלת מהיכן דנתני בכתב

לשכת בית דין: TEL. (800) 713 8956

RABBINICAL COURT
**SHAR HAMISHPOT**
17 MOSIER COURT
MONSEY N. Y. 10952

סניף "שמרו משפט" ❀ בי"ד מיוחד לפקוח על: הזמנות, עיקולים, סירובים, היתרי ערכאות, פסקי דין, וגיטין ❀ ומגן לבעה"ד שלא יקופחו מזכותם: לבחירת הבי"ד, ולדין גמור, ולמהיכן דנתני, ולמאן בבוררות, ובטוענים

# התראת בי"ד צו פרידא פעקעטע אז זי זאל נישט פסל'נען איר גט

**אזוי** ווי איר האט לעצטענס נישט געשיקט דאס קינד צום טאטן מו"ה יואל מארקאוויטש נ"י לויטן אפמאך, ווילן מיר אייך דערמאנען וואס מיר האבן אייך געשריבן אינעם בריוו (ה' במדבר כ"ה אייר תש"ע), אז דאס וועט נישט העלפן אים צו צווינגען צו ווערן א תובע, [נישט נאר ווייל דאס איז א חוב ברור, וואס לויטן פס"ד פון הגה"צ מדעברעצין זצ"ל מעג מען דאס פארסירן אין קארט, אזוויי ער שרייבט אינעם בריוו וואס איז אין פנקס בי"ד (מסמך 1047)], נאר אויך:

**ווייל** דער גט וואס איר האט באקומען פון אים ביום ה' פרשת אמור ט"ו אייר תש"ע, איז געווען מיטן אויסשליסליכן באדונג: אז ער קען פארסירן דעם "הסכם גירושין" ["דיווארס עגרימענט"], וואס איר האט אינטערגעשריבן פארן שופטת ביום הנ"ל, און איר [אדער סיי ווער אין אייער נאמען] טארן נישט נעמען קיין שום שריט דערקעגן אין "קארט". [אויב האט איר א טענה דערקעגן, קענט איר דאס נאר טוהן דורך א תביעה בבי"ד באופן ווי ס'איז וויטער ערקלערט].

**מיר** האבן דארטן אינטערגעשטראכן, אז ס'ליגט אויף אונז א גרויסע אחריות דאס אייך מודיע צו זיין, כדי אז איר זאלט באגרייפן די ערנסטע קאנסעקווענצן פון יעדן מינדעסטע שריט אין קארט, אפילו נאר אלס "פארטיידיגונג", און איר זאלט געווארענט זיין נישט געשטרויכעלט צו ווערן דערמיט צו פסל'נען ח"ו דעם גט.

**אלעם** האט זיך ב"ה געפירט ביז יעצט מער וויניגער אין ארדענונג, דאס קינד איז זייער נאענט געווען צו איר טאטן, זי האט זיך זייער געפרייט זיך צו טרעפן מיט אים און גיין צו אים, אבער אזוי ווי איר האט ליידער אנגעהויבן ביום עש"ק פרשת משפטים תשע"א, צו ברעכן די וויזיטעישן רעכטן פארן טאטן פונעם קינד [מיטן טענה אז פלוצלינג וויל זי מער נישט גיין צו אים...], ווילן מיר אייך קלאר איבערטייטשן דעם 3'טן און 4'טן סעיף פונעם "מסירת מודעא" אויפן גט:

**דריטער סעיף:** יעדע שריט אין קארט אפילו נאר מיט ווערטער, וואס וועלן געזאגט ווערן דארטן, סיי פון איר און סיי פון אירע מענטשן, וואס ס'קען גורם זיין אפילו נאר פון אינטערוויילעכץ [למשל: אלס "נתבעת"], צו פארמינערן מיינע רעכטן צו וויזיטעישנ'ס, אנדערש ווי ס'שטייט אונעם הסכם גירושין, וועט דאס אינגאנצן מבטל זיין דעם כשרות הגט, ס'וועט פסול ווערן למפרע. [וואס דאס מיינט זייער קלאר, אז די מינדעסטע שריט וואס איר נעמט אין קארט אפילו אלס "פארטיידיגונג" פסל'ט דעם גט, בקיצור: איר קענט אים בשו"א נישט פיינוגן דורכ'ן "קארט סיסטעם"].

**פערטער סעיף:** אויב זי האט עפעס א טענה אקעגן דעם הסכם, קען זי מיך רופן אויב זי וויל, צו בי"ד "שער המשפט" אדער צו יעדע בי"ד וועלכע וועלן אננעמען די "שט"ב" וואס איז אויף זייער "פנקס בי"ד" (מסמך 1013). [ד.ה. נאר מיט זיינע זכותים שע"פ תורה: צו "דין גמור" מיט זכות "קים לי", און מיט "מהיכן דנתני"].

**מיר** ווארענען אייך, אז אויב איר וועט זיך לאזן פארפורן פון די העצער'ס פונעם "סיסטעם" וואס מיינען בכלל נישט אייער טובה..., נאר זיי ווילן פסל'נען דעם גט, ווייל ס'בענקט זיך זיי דער פאלשער וויי געשריי "עגונה" עגונה", און זיי ווילן אז דאס זאל זיך נאכאמאל איבער'חזר'ן..., וועט קיינער נישט שולדיג זיין אויף די פסלנות הגט, וואס וועט ח"ו געשעהן דורך די מינדעסטן שריט וואס איר וועט נעמען אין קארט [אפילו נאר זיך צו פארטיידיגן], **נאר איר אליינס!**

**איר** וועט סיווי אין ערגעץ נישט אנקומען, ווייל ס'איז נישטא דער כח, וואס קען אדער מעג ע"פ תורה, צוריקהאלטן דעם מאן פון ניצן זיין רעכט וואס ער האט ע"פ תורה, צו באשיצן זיינע רעכטן דורכן גט, אדרבה יעדע מינדעסטע דרוק אויף אים אז ער זאל דאס נישט טוהן, פסל'ט דעם גט, [וכמבואר בספרינו משפט הכפיה (סי' ה') מדברי הפוסקים], השי"ת זאל העלפן אז איר זאלט שוין אויפגעראכטן ווערן מיט א גוטן שידוך און אסאך יודיש נחת, א"ס.

בשם שאר חברי הביד"צ סניף "שמרו משפט", יום א' תרומה, כ"ה שבט תשע"א

אברהם שמואל יהודה געשטעטנער

בית דין צדק
שער המשפט
מאנסי, נ.י.
בהשתתפות הרבנים